יום טוב סוכות תשפ"ו לפ"ק

גליון ג'

אונזער הייליגע

# מוסדות

נייעס און באריכטן פון

## תלמוד תורה עבודת משולם פייש טאהש

## הרחמן הוא יקום לנו את סוכת דוד הנופלת



# פארװארט

# אודה השם בכל לבב בסוד ישרים ועדה

װען מיר שטייען אצינד ביים סוף פון א שנת לימודים, א פילע יאר, א יאר װאס מען קען זאגן אז דאס איז געװעהן א יאר מיט די ה׳׳ הידוע. א יאר װאס האט אװעקגעשטעלט אונזער הייליגע מוסדות אל׳ן און מעכטיגע תורה אימפעריע, א אימפעריע װאס פארקויפט תורה עבודה ויראת שמים אויפ׳ן הייליגן דרך װאס מיר האבן מקבל געװעהן פון אונזער הייליגע רבי׳ן אבינו רועינו איתן ארונינו רבינו הקדוש מרן משולם פייש בן הרה״ק ר׳ מרדכי וצירל זצללה״ה, װאס די מוסדות װערט גערופן אויף זיין הייליגן נאמען. און עס װערט װייטער געפירט דורך בנו וממשך דרכו בקודש בגאון ובעוז הוד כ״ק מרן אדמו״ר עטת״ר שליט״א, װאס געבט זיך אװעק פאר די מוסדות בלב ובנפש און מאכט זיכער אז אלעס פארט כשורה איפן שענסט׳ן און בעסט׳ן אויפן װאס איז שייך. זאל די אייבערשטער געבן געזונט און כח פארן רבי׳ן זאל זיין געזונט ער זאל קענען װייטער אנגיין מיט א שטארקייט, און אונז פירן װייטער על מי מנוחות, ביז מיר װעלן זוכה זיין מיט׳ן רבי׳ן אינאיינעם קענן גיין משיח צדקינו במהרה.

און דעם זמן װען מיר דאנקן דא דעם אייבערשט׳ן, בעט׳ן מיר אויף װייטער אז עד הנה עזרנו רחמיך ואל תטשנו לנצח. דער אייבערשטער זאל אונז װייטער העלפן בזכותו הגדול של אותו זקן רביה״ק זי״ע, אז מיר זאלן װייטער קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש אומ׳געשטערט. מיר זאלן זוכה זיין צו קענען װייטער שטיין און באדינען די געטרייע הורי המוסדות אויפן בעסט׳ן אופן װאס עס איז שייך. און מיט דעם זיכער מאכן אז ענק זאלן זעהן װייטער אסאך נחת פון די לעכטיגע צאן קדשים. און מיר װעלן זוכה זיין צום הייליגע הבטחה פון לא ימישו מפיך ומפי זרעך עד עולם.

ביז מיר װעלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו, בב״א.

אן אמת׳ע שמחת יום טוב

שלמה גרינבוים

מנכ״ל

# תורת חיים אהבה וחסד

## ברגשי גיל וחדוה אנו מברכים

# ברכת מזל טוב

קדם פני האי גברא רבה יקירה איש האשכולות מומחה בשדה החנוך
ומרביץ תורה לעדרים שנים רבות מחשובי תלמידי רביה"ק זי"ע
ה"ה

## הרה"ג ר' חיים ראטטענשטיין שליט"א

מלמד מומחה בכתה א' דמוסדותינו הק'

## לרגל שמחתו הגדולה

## בהולדת נכדתו הבכירה למז"ט

אצל בנו האברך החשוב מו"ה ר' שמעון הי"ו
חתן ידידנו עוז העומד תמיד לימינינו
הרב יואל אלחנן פאפלאנאש שליט"א
משב"ק אצל כ"ק מרן רבינו שליט"א

ויהא רעוא מן קדם אבוהון דבשמיא שיזכו לראות דורות ישרים ומבורכים
בנזר הברכה הולכים בדרך האבות בנים ובני בנים הולכים ברך התורה עוז בטחה
מתוך רב נחת והרחבת הדעת אלף פעמים ככה עדי נזכה במהרה דידן
לביאת מלכא משיחא ומלכינו בראשינו בב"א

המברכים
התלמידים-ההורים-ההנהלה



# שלוחו של אדם כמותו

**מערכת המוסודת בלעטל** האט לכבוד יום טוב אפגעהאלטן אן העכסט
אינטערסאנטע אינטערוויא מיט

## ידידינו העסקן מו"ה אליעזר קרויס הי"ו

**שליח המוסדות**

**לכבוד דעם הייליגע יום טוב ווען בזמן שבית המקדש הי' קים איז מען געגאנגן עולה רגל זיין אצינד היינט ווען די בית המקדש איזליידער חרוב געווארן איז אבער כידוע אז די בתי ספר זענען ווי די בית המקדש אונעם היינטיגן דור פארבינדן מיר זיך מיט ידידינו עוז העסקן ר' אליעזר קרויס הי"ו וואס ער האט די זכי' צו עולה רגל זיין א גאנץ יאר פאר די הייליגע מוסדות דורכ'ן האבן די זכי' לעמוד בתור שליח המוסדות אין שאפן געלט למען עתיד וקיים מוסדותינו הק'**

**צום אלעם ערשט א גוטן ר' אליעזר פאר מיר פאנגן אן א מינוט שטעלט אייך פאר?**

א גוט יאר און א גוט'ן ערב יום טוב דא און די מוסדות אפיס וואונטשט מען זיך שוין פאר די לעצטע חודש צייט א גיט'ן ערב יום טוב נאכדעם וואס עס פיבערט שוין די מצב אז עס קומט שוין יום טוב זייט די הייליגע רבי'ס יארצייט דעמאלטס לאמיר ענטפערן אויף די פראגע ווער איך בין איך הייס אליעזר קרויס מיין טאטע איז ר' יואל פון קרית יואל א זון פון הרה"ח ר' אהרן אייזיק ז"ל וואס איז באקאנט נאך פאר יעדעם איינעם און טאקע יעצט די ערטשע טאג סוכות גייט זיין מיין חשובע זיידעס ערשטע יארצייט הרה"ח ר' אהרן אייזיק ב"ר ישראל יעקב ז"ל

**יעצט ווען און וויאזוי ביסטו אנגעקומען צו דינען אלץ שליח המוסדות?**

די עכטע אמת איז אז אלעס איז מן השמים ובזכותו פונעם הייליגן רבי'ן די פאקט'ן איז זייער פשוט אז איין טאג האט מיר דער ענערגישער געטרייע מנכ"ל הרב ר' שלמה שליט"א געטראפן אין ביהמ"ד און מיר געפרעגט אויב איך זיך א דזשאב האב איך אים ג'ענפערט ניין איך האב דעמאלטס געארבעט פאר די בארימעטע ארגון צדקת ישעי' וואס שטעלט צו עסן פאר נויט באדערפיגע משפחות און דא האט זיך געענדיגט די שמועס מיט ר' שלמה אפאר וואכן שפעטער יעצט ממש פאר די הייליגע רבי'ס יארצייט איז ר' שלמה צו געקומען מיר בעטן אויב איך קען אים העלפן מיט די קאמפיין ביים רבין'ס יארצייט האב איך אים געזאגט אז יא איך וועל אים קומען העלפן און ווי איך קען זאגן האב איך דעמאלטס געזעהן די ווארימקייט ביים היימישן ציבור דאס האט מיר געגעבן די שטופ צו אננעמען די שטעלע צו דינען אלץ שליח המוסדות

**די האסט אנגעריירט די נקודה די ווארימקייט ביים ציבור**
**דאס איז נאר פון די מאנסי עולם די עלטערן אדער פון כלל חסידי טאהש ?**

זייער גוט געפרעגט וועגן איך האב געוואורט אויף די קשי' די תירוץ איז יא די טאטע'ס אפגערעדט זענען זייער ווארעם פאר די חדר ווי די טאטעס פה אחד דריקן זיך אויס איך ווייס נישט וואס מען טוט מיט מיין זוהן אבער ער קומט אהיים אזוי פרייליך און צופרידן אז עס איז ממש א נחת און די עולם און מאנסי וואס האבן נאכנישט קיין קינדער און די מוסדות האלטן זיך און איין נאך פרעגן וואס טוט זיך אונטער די קוליסן אסאך פרעגן ווען וועט מען עפענען א סקול איך זאל קענען נהנה זיין דערפון און ווען די פרעגסט וועגן די כלל חסידי טאהש אלטוועלטליך מיז איך ארויסברענגן א געוויסע נקודה איינע פון די מהלכים איז אז אונז רופן ארום די בעלי שמחה בעת שמחתם בעטן געלט למען עתיד והצלחת מוסדותינו הק' מיז איך ארויסברענגען די נקודה אז די עולם ענטפערט אזוי ווארעם כאילו זיי האבן יעצט קינדער און די מוסדות וואס דאס אליינס געבט א מורא'דיגע גיטע געפיל ווייטער אנצוגיין

**נו ווען עפענט מען טאקע א סקול?**

דאס דארפסטו שוין פרעגן די הנהלה אליינס איך קען נישט ענטפערן אויף דעם

**אצינד לאמיר צו גיין וואס דאס באדייט א שליח המוסדות?**

כדי די זאלסט פארשטיין וועל איך עס מסביר זיין און פרעגן א קשי' פארוואס דארף מען א שליח המוסדות. די תירוץ אויף דעם איז זייער פשוט אז די הויפט הכנסה פון די מוסדות איז די שכר לימוד וואס די עלטערן באצאלן חודש'ליך און מען וואלט לכאורה געדארפט טוהן דאס וואס אסאך מוסדות טוהן שוין היינט צוטאגס אז מען נעמט די בודזשעט פון די מוסדות און מען צעטיילט עס לויט די קינדער און אזוי דארף יעדער באצאלן זייער חלק און די מוסדות פארט על מי מנוחות איז אבער די הנהלת המוסדות געקומען און געזאגט ניין מען קען נישט בעטן אזוי סאך געלט פונעם עולם וואס ווילן שיקן אונעם היילגן רבין'ס חדר דעמאלטס האט מען געמאכט א סכום השוה לכל נפש וואס דאס איז די שכר לימוד פרייז איי וואס וועט זיין מיט די איבריגע וועגן דעם דארף מען א שליח המוסדות זאל אנפילן דעם חליל אבער נאכאמאל די שטערקסטע הכנסה חודשליך איז די שכר לימוד וואס די טאטעס באצאלן

**פיין דעמאלטס וואס אבער טוט די שליח המוסדות?**

די תירוץ איז אז די ארבעט פון א שליח המוסדות איז צו טוהן וואס ער קען צו אנפילן די לאך פונעם בודזשעט אז די חדר זאל ווייטער קענען אנגיין און דאס באדייט אז מען טוט למשל מען גייי ארויף צו נדיבי בעם אדער מען רופט ארום אנשי שלומינו בעת שמחתם ווי פריער ערוועגט און אזוי ווייטער

**וואס אבער געבט די שטופ פאר א שליח המוסדות אנצוגיין?**

די תירוץ איז צוויי פאכיג דאס איז ווי מען זאגט ביי אונז און טאהש מיט'ן אייבערשטן'ס הילף מיט'ן רבין'ס כוח און מיט דיין אייגענע רצון אז מען זעהט אויף טריט און שריט די סייעתא דשמיא און די גרויסע כוח פון רבינו הקדוש דאס געבט די כוחות און די רצונות ווייטער אנצוגיין

די צווייטע זאך איז די גיטע געפיל ווען מען גייט אריין און די קארידארן פונעם מוסדות די פרייליכקייט וואס עס הערשט דארטן איז איין לשער עס וואלט געווען כדי פאר יעדעם אריינצוקומען און עס מיט האלטן ווי איך האב געזאגט פאר איינעם לעצטענס יא עס איז א מציאות טאהשע חדר אין מאנסי האט א חדר פון פינף און פופציג לעכטיגע טאהש'ע קינדערלעך דאס געבט די געפיל צו אנגיין

**צום שלוס עפעס א ווארט פארן היימישן עולם?**

איך האב נישט קיין ווערטער די עיקר איז די עולם זאל קומען מטהאלטן די הייליגע אימפעריע וואס בליעהט ביי אונז און שטאט לשם ולתפארת ולנוי האטס אלע א גוט יום טוב

**פיין די אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן גרויס הצלחה און סייעתא דשמיא אויף טריט און שריט און זוכה זיין צו אוועק שטעלן די מוסדות בשלימות ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א**

# מודעה חשובה

מיר גרייטן זיך צו ארויף גיין קלאסן אי"ה

## זונטאג פרשת נח

אסרו חג און פרייטאג וועלן די קינדער נאך זיין אין די אלטע קלאסן.

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז שוין תיכף ביים ארויף גיין קלאסן
**וועלן מיר שוין זיין אינעם נייעם בנין הת"ת.**

די סדר היום פון זונטאג וועט נאכפאלגן אי"ה נאך יו"ט.

ההנהלה

## להתועלת הציבור שטעלן מיר אייך פאר די פרטים פון די תלמוד תורה צום קומענדיגן שנת הלימודים תשפ"ו הבעל"ט

# אדרעס פונעם תלמוד תורה

415 Viola Rd

Spring Valley New York 10977

## סגן מנהל

**הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט"א.**

## מלמדים

## נורסערי

**הרב אפרים יואל פיש שליט"א**

נכד רביה"ק זי"ע

## קינדערגארטן

**הרב שמואל פישער שליט"א**

## כתה א'

**הרב חיים ראטטענשטין שליט"א**

## כתה ב'

**הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט"א**

# ובחפץ השם בידינו יצליח

# על בשורה טובה ששמע אומרים ברוך הטוב ונמטיב

יעצט ווען מיר זיצן און די סוכה און מיר בעט׳ן דעם אייבערשט׳ן אז וזכינו לישב ימים רבים לעבודתך וליראתיך בצל כנפיך האבן מיר די כבוד און זכי׳ צו מבשר זיין די בשורה טובה ומרנינה אז ב״ה נאך גרויס יגיעה די לעצטע תקופה איז בברכתו ועידודו פון כ״ק מרן רבינו שליט״א מייסד המוסדות געלונגען פאר די חשובע הנהלת המוסדות צו אפדינגען די בארימטע בנין פון די סאטמאר׳ע תלמוד תורה אויף וויאלע פאר די הייליגע מוסדות ווי דארט וועט מען קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש אויף א ברייטערע פארנעם וואס דאס וועט אסאך צוגעבן אז די חשובע קינדערלעך זאלן קענען שטייגן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים על דרכי עבודת עבודה

דאס קומט נאכדעם וואס די ביז יעצטיגע לאקאל פון מוסדותינו הקדושה אויף די קאלווערט גאס איז שוין צר מהכל און מען שפירט ממש די לחץ זו הדחק אויף אלע אופנים און אפגערעדט אז יעצט ווען מיר גרייטן זיך בעזר השם צו עפענען נאך א כתה די כתה ב׳ קלאס איז דאס ממש נישט מעגליך אונעם ביז יעצטיגן לאקאל האט זיך די געטרייע הנהלת המוסדת וואס כידוע שוינען זיי נישט קיין געלט און צייט און זיי פארקוקן אויף אלעם פארן איינציגן צוועק אז אונזערע קינדער זאלן קענען ווייטער שטייגן מעלה מעלה בתויר״ש האבן זיי זיך אריין געלייגט צו אהער זוכן א פאסינן לאקאל ווי צו פלאצירן די הייליגע תלמוד תורה און מען האט דורך געקוקט אסאך מקומות ביז מען איז מיט גרויס סייעתא דשמיא אנגעקומען צום סאטמאר׳ע בנין אויף וויאלע וואס מען האט אצינד בזכותו הגדול פונעם הייליגן רבין זי״ע זוכה געווען צו אפדינגען

די בנין האט זייער אסאך מעלות וואס עס זעהט זיך אן זייער שטארק צום אלעם ערשט אז דאס אליינס אז עס איז אן אפציעלע מוסדות בנין קען צו געבן מורא׳דיג שטארק אויף אסאך אופנים ווי למשל די קינדער וועלן זיך קענען שפילן און דרויסן אן דארפן מורא האבן פון א בייזע אויג מען וועט קענען פארקן די באסעס אויפן שטח און ווי אויך דארף מען דערמאנען אז איינע פון די גרעסטע סיבות וואס די הנהלת המוסדות האט שטארק געלייגט א דגוש אויף דער מקום איז געווען וויבאלד די מקום געפינט זיך ווי מען קען זאגן ממש און די היימישע געגענט נישט ווייט פון רוב עלטערן און ווי מיר אלע ווייסן די רואיגקייט ווען מען ווייסט אז די קינדער לערנען ממש געצײילטע מינוט׳ן צו פארן

און בעצם די בנין אליינס איז אן עקסטערע מסכתא דאס איז א בנין ווי מען וועט בעזר השם האבן אלע הצטרכת׳ן אויף גאר א ברייטע פארנעם שיינע קלאס צימער׳ן אן עס זאל וואס דאס איז שוין א עקסטערע שמחה פארזיך נאכדעם וואס מיר האבן ביז היינט נישט פארמאגט אן עס זאל א חדר המלמדים אפיס פאר די מנהל אא״וו אלע הצטרכת׳ן וואס מיר דארפן האבן

ווי אויך וועט די אדמינעסטראציע אפיס פלאצירט ווערן און דעם בנין וואס דאס וועט שטארק צו געבן פאר די רואיגקייט פאר די עלטערן און פאר א יעדעם איינעם

עס איז צום האפן אז דאס זאל שטארק צוגעבן צום הצלחה פונעם מוסד און מיר זאלן דורך דעם ווייטער זעהן אסאך נחת פון אונזערע קינדער געזונטערהייט

# שמחם בבנין שלם באור פניך תבהיקים

# מודעה מטעם די מערכת

אזווי ווי איר זעהט ווי מען לייגט אריין שווערע כוחות ארויס צוגעבן א גליון וועכענטליך ווילן מיר מודיע זיין פאר די חשובע עלטערן אז מיר וועלן פון נאך יום טוב אנהייבן ארייגלייגן בריוון פון די חשובע עלטערן

ע״כ אויב האט איר סיי וואספארא בריוו וואס איר ווילט עס זאל ערשיינען אונעם גליון ביטע שיקט אן אימעיל

mosdesgilyon@gmail.com

אדער שיקט אן פעקס

צו 1845 625 1725

אדער שיקן און חדר צו אריין לייגן אונעם באקס ביים אפיס

# מעגל השנה

## בילדער פון די לעכטיגע קינדערליך
## ביי די גרעסערע מעמדים אונעם תלמוד תורה
## דעם פארלאפענעם יאר

# חומש סעודה

פארגאנגענעם חודש סיון העעל״ט איז פארגעקומען די ערשטע חומש סעודה אונעם תלמוד תורה ווי די לעכטיגע קינדערלעך האבן געהאט די זכי׳ אז כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א איז געקומען זיך באטייליגן ביי די שמחה פון די לעכטיגע צאן קדשים















# מסיבת לחיים ביומא דהילולא קדישא ז״ך אב העעל״ט

פארגאנגענעם ז״ך אב העעל״ט איז פארגעקומען א געהויבענע מסיבת לחיים ווי די טייערע קינדער האבן זיך צוזאמען געקומען און ביהמ״ד ברכות שמים קאשוי ווי מען האט צוזאמען געזאגט תהילים און געמאכט ערליכע ברכות און געהערט שייע סיפורים פונעם הייליג׳ן בעל הילולא רביה״ק זי״ע







# טריפ

די יאר זענען די לעכטיגע קינדער געגאנגען אויף א מעכטיגע טריפ צו די בארימטע וועסט מעיפיל פארם




# ל״ג בעומר

לכבוד די הייליגע טאג פון ל״ג בעומר האבן זיך די ליכטיגע קינדער זיך צוזאם געקומען אפצורעכטן אן הדלקה לכבוד הילולא דרשב״י און דעם זמן ווילן מיר זיך באדאנקן פאר ידידינו ר׳ יצחק פאללאק הי״ו מחשובי הורי מוסדותינו הק׳ פארן געבן זיין חצר לטובת הנאה פון די זיסע קינדערליך




# שווימען

און די זוממער טעג זענען די קינדער געגאנגען זיך דערקוויקן מיט א קאלטע שווים אונעם חצר פון פאר ידידינו ר׳ יצחק פאללאק הי״ו מחשובי הורי מוסדותינו הק׳





# בכל ביתי נאמן הוא

## ברגשי גיל וחדוה אנו מברכים

# ברכת מזל טוב

קדם פני האי גברא רבה יקירה איש האשכולות
ידידנו עוז העומד תמיד לימינינו יומם ולילה לא ישבות למען קיום מוסדותינו הק'
שזכה לשמש לפני ולפנים אצל אבינו רועינו רביה"ק זי"ע הלא הוא

## הרב יואל אלחנן פאפלאנאש שליט"א

משב"ק אצל כ"ק מרן רבינו שליט"א

## לרגל שמחתו הגדולה

## בהולדת נכדתו הבכירה למז"ט

### אצל חתנו כבנו האברך החשוב מו"ה ר' שמעון ראטטענשטיין הי"ו

בן האי גברא רבה איש האשכולות מומחה בשדה החנוך
ומרביץ תורה לעדרים שנים רבות מחשובי תלמידי רביה"ק זי"ע

## הרה"ג ר' חיים ראטטענשטיין שליט"א

מלמד מומחה בכתה א' דמוסדותינו הק'

ויהא רעוא מן קדם אבוהון דבשמיא שיזכו לראות דורות ישרים ומבורכים
בנזר הברכה הולכים בדרך האבות בנים ובני בנים הולכים ברך התורה עוז בטחה
מתוך רב נחת והרחבת הדעת אלף פעמים ככה עדי נזכה במהרה דידן
לביאת מלכא משיחא ומלכינו בראשינו בב"א

המברכים

**ההנהלה**

מיסודו
של רבינו הק' זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

# טאהש

מאנסי יצ"ו